ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

שניאורסאהן

מליובאוויטש

## ג׳ תמוז

יוצא לאור על ידי מערכת

**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

שנת המאה להולדת כ״ק אדמו״ר מה״מ

**לעילוי נשמת**

המרא דאתרא דשכונת קראון הייטס

״כאן צוה ה׳ את הברכה״

״אביר שבאבירים״

הרה״ג הרה״ח התמים הר״ר **יהודה קלמן** ע״ה

ב״ר **אברהם יהושע** ע״ה

**מארלאו**

למלאות שנה לפטירתו - ביום כ״ף סיון ה׳תשס״א

**ת. נ. צ. ב. ה.**

*

**ולזכות**

זוגתו ״אשת חבר״ מרת **חי׳** בת **רבקה** תחי׳

לאריכות ימים ושנים טובות מתוך בריאות הנכונה

עד ביאת גואל צדק

*

**נדפס ע״י**

הרה״ת ר׳ **אליעזר** וזוגתו מרת **ציRל רחל**

**ומשפחתם** שיחיו **טורין**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

# ג' תמוז

א. ג' תמוז — דער טאָג ווען כ"ק מו"ח אדמו"ר איז באַפרייט געוואָרן פון בית האסורים — פאַלט אויס (בכמה שנים) בסמיכות צו שבת פרשת חוקת (אַמאָל אין דער וואָך פון פ' חוקת, ולפעמים[1] אין די טעג וועלכע ווערן „מתברך" פון שבת פ' חוקת).

און לויטן באַוואוסטן וואָרט פון של"ה[2], אַז אַלע מועדי השנה — כולל אויך מועדים דרבנן — זיינען נרמז אין די פרשיות התורה וועלכע מען לייענט אין די שבתות ווען זיי זיינען חל, איז פאַרשטאַנדיק, אַז עס איז דאָ אַ רמז אין פרשת חוקת אויף דער גאולה פון ג' תמוז.

ב. אין דער גאולה פון רבי'ן זיינען געווען צוויי (כללות'דיקע) שלבים: ג' תמוז איז ער באַפרייט געוואָרן פון בית האסורים, אָבער מ'האָט אים דאַן פאַרשיקט אין גלות אויף דריי יאָר; ערשט דערנאָך, בי"ב־י"ג תמוז איז ער אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן, אויך פון דער פאַרשיקונג, און ער האָט זיך געקענט אומקערן לביתו.

קומט אויס, אַז בג' תמוז איז געווען די התחלת הגאולה, און י"ב־י"ג תמוז איז געווען די שלימות הגאולה.

און מהאי טעמא איז פאַראַן אַן עילוי אין ג' תמוז לגבי י"ב־י"ג תמוז:

אע"פ אַז דער חג הגאולה איז נקבע געוואָרן אויף י"ב־י"ג תמוז דוקא, איז דאָס ווייל דער ענין פון אַ „חג" (ושמחה גלוי") איז מען קובע ווען די גאולה איז בשלימות,

[ע"ד ווי ברכת הגומל וואָס דער רבי האָט געמאַכט ערשט נאָך דער גאולה בי"ב תמוז[3], ווייל מען קען ניט מאַכן די ברכה „עד שיצא מהסכנה לגמרי . . עד שיחזור לבוריו לגמרי"[4]],

אָבער אין עצם ענין הגאולה איז דאָ אַן עילוי אין התחלת הגאולה לגבי שלימות הגאולה. ווייל (נוסף לזה וואָס אין דער התחלה איז דאָ די מעלה וואָס מען ברעכט דורך די שוועריקייט פון „כל התחלות קשות"[5], היות אַז) ביי דער התחלת הגאולה טוט זיך אויף דער שינוי (ועד — להפכו —) המצב פון גלות (גולה) צו גאולה,

[ובפרט בנדו"ד, וואָס[6] דער שינוי המצב בפשטות וואָס האָט זיך אויפגעטאָן דורך דער גאולה בג' תמוז — די באַפרייאונג פון בית האסורים (ובפרט אין די אומשטענדן פון דער מדינה ההיא בימים ההם[7]) און איבערגיין (אפילו) אין אַ מצב פון גלות אין אַן עיר רחוקה — איז געווען (בכמה פרטים) גרעסער ווי דער שינוי וחילוק פון זיין בגולה און אַרויסגיין חפשי לביתו (ובפרט אַז אויך זייענדיק נאָכדעם בביתו

1) כן הי' בשנת תרפ"ז (שנת המאסר והגאולה), וכן בקביעות שנה זו (תשד"מ).

2) חלק תושב"כ ר"פ וישב.

3) סה"מ קונטרסים ח"א קעה, א. ס' התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 221. — וכן אמר אז (לאחרי הגאולה די"ב תמוז) מאמרי ד"ה ברוך הגומל (נדפסו בסה"מ קונטרסים שם; סה"מ תרפ"ז).

4) סדר ברכת הנהנין לאדה"ז פי"ג, ס"ה.

5) מכילתא (ורש"י) יתרו יט, ה.

6) ראה בזה — לקו"ש ח"ד ע' 1315. ועוד.

7) שאז היתה סכנת נפשות ממש, כדלקמן ס"ה.



# ביאורים לפרקי אבות

## פרק ד'

### איזהו חכם הלומד מכל אדם, שנאמר מכל מלמדי השכלתי כי עדותיך שיחה לי

השאלות במשנתנו: א. „מכל אדם" משמעו הן ממי שקטן ממנו[24] והן ממי שגדול ממנו. וקשה: בשלמא לגבי מי שקטן ממנו, מובן החידוש בדבר; אולם מהו החידוש בכך שיש ללמוד ממי שגדול ממנו. ב. מדוע מביא גם המשך הכתוב — „כי עדותיך שיחה לי". ג. הקשר לבעל המאמר — בן זומא.

והביאור:

אדם עלול לטעון, שהיות שפלוני גדול ממנו באין ערוך לא שייך שילמוד ממנו. והתנא מחדש שגם מאדם כזה אפשר ללמוד[25].

והתנא מסתייע ממה שנאמר „מכל מלמדי השכלתי כי עדותיך שיחה לי": כשאדם מעיד על דבר מסויים, הרי אין הכרח שיהי' שייך וקשור לדבר (ולדוגמה — אדם המעיד על חטא של עבודה זרה, למרות שאין לו שום קשר לחטא זה). והיות ש„עדותיך שיחה לי", היינו שבכל דבר ניכר ומודגש אצל האדם „עדות" על הקב"ה, תורתו ומצוותיו, לא חשובה דרגתו של האדם שממנו שומע ענין של תורה ויהדות, שכן, חשובה לו אך ורק ה„עדות" שלומד ממנו; ואי לזאת באפשרותו ללמוד „מכל אדם" ממש, מן הקטן שבקטנים ועד הגדול שבגדולים.

והרי ביאור הקשר לבעל המאמר — בן זומא:

א. כדי ללמוד „מכל אדם" ממש, שבזה נכללים כל בני ישראל מן הקצה עד הקצה, יש צורך לראות ולהכיר את כל הסוגים דבני ישראל. וענין זה שייך במיוחד לבן זומא, כמאמר רז"ל[26] „בן זומא ראה אוכלוסיא (ששים רבוא מישראל) על גבי מעלה בהר הבית, אמר ברוך חכם הרזים"[27].

ב. הגמרא אומרת[28] „ארבעה נכנסו בפרדס . . בן זומא הציץ ונפגע". היינו, שבן זומא נכנס לפרדס באופן של עלי' וכניסה בלבד (בניגוד לרבי עקיבא, ש„נכנס בשלום ויצא בשלום"). ועל פי זה יש לומר, שלכן מדגיש בן זומא שצריכה להיות גם הירידה והיציאה למטה, לראות מעלתו של „כל אדם", „אדם אתם"[29], הטוב והיפה שביהודי שנמצא למטה, וללמוד ממנו[30].

ג. השם „בן זומא", שלא נקרא בשמו אלא על שם אביו[31], מצביע על תנועה של „מקבל". וענין זה נרמז גם בשמו — „שמעון"[32], מלשון שמיעה, ששומע ומקבל מאחרים. זהו גם תוכן המאמר, שיש ללמוד ולקבל מ„כל אדם"[33].

24) ראה רע"ב. 25) ראה תדבא"ר פכ"ה: כאו"א מישראל חייב לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב. 26) ברכות נח, א. 27) משיחת ש"פ קרח תשמ"ה — על פי רשימת השומעים בלבד. 28) חגיגה יד, ב. 29) יחזקאל לד, לא. יבמות סא, א. 30) ספה"ש תשמ"ח ח"ב עמ' 508. 31) ראה רע"ב: לפי שלא האריך ימים ולא נסמך שיקרא רבי, היו קורין אותו על שם אביו, וכן בן עזאי. ולהעיר, שמצינו שבן עזאי חי קל"ג שנים (דעת זקנים מבעה"ת ר"פ תולדות בשם הספרי). ועכצ"ל, שמאמר זה נאמר בצעירותו, ולפני שנסמך. 32) שניהם (בן זומא ובן עזאי) שמם שמעון (רע"ב). 33) משיחת ש"פ קרח תשמ"ח – על פי רשימת השומעים בלבד.

מבלי להכנס בפתרון השאלה איזה מקום תופס נשיאת זקן בתרי"ג מצות התורה הק' (וידוע לכל אשר כמה חרדים מאנשי אשכנז ועוד, הם בלי חתימת זקן), הנה כשנגשים לפתרון השאלה בנוגע לאיש פרטי, צריך להתחשב עם מצבו הוא.

ההחלטה דנשיאת זקן נתקבלה ע"י בנם שי' מתוך התעוררות פנימית, וקשה יהי' לברר אם זהו אצלו „הקומה הראשונה" שבמשל הנ"ל או „קומה נוספת" על ענינים שקדמו לה, וספק בעיני אם גם צריך לחתור בנשמתו כדי לברר הדבר, כי הרי כל חטוט בנפש האדם פנימה, אינו מביא ברכה וכו'. אבל בכל אופן ברור במצבו העכשוי, נעשו אצלו כל הענינים סיבה אחת שעלתה לו במלחמה נפשית פנימית בזעזועים וכו'.

וכמו שכתבתי מאז, על כל קרוביו וידידיו, ועאכו"כ על הוריו, לחזקו ולעודדו בכל אפשריותם ויכולתם, ותקותי שגם הן ינהגו כנ"ל כיון שזהו טובת בנם ובמילא זהו ג"כ טובתם.

וטובת בנם היא — לא רק מנקודה שיקיים עוד מצות בהידור כמנהג חסידים, אלא שיוסיף זו **מנוחה** בנפשו וחיזוק בהליכתו בדרכו אשר **בחר** בה, הקשורה בכמה מניעות מבחוץ ובמילא דורשת תוספת כח ועידוד מכל מלה אשר יקר הוא בעיניהם.

המחכה לבשו"ט וחותם בברכה בנוסח כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע לקבלת התורה בשמחה ובפנימיות.





איז ער געווען אונטער א „השגחה" פון ממשלה ההיא)],

איז דאך ידוע, אז אין דער התחלה פון יעדן ענין איז כלול די גאַנצע זאך. ע"ד ווי מען געפינט אין דעם ענין פון ראשי־תיבות — אַן ענין ע"פ תורה און אויך בתורה[8] — אַז דער ערשטער אות פון אַ וואָרט איז מרמז אויף דעם גאַנצן וואָרט[9], וכדומה[10]; ועד"ז בעניננו: אַז די גאַנצע גאולה פון רבי'ן איז געווען נרמז און „כלול" אין דער התחלת הגאולה פון ג' תמוז.

ג. דער תוכן כללי פון דעם מאסר וגאולה פון רבי'ן איז דאך פאַרבונדן מיט זיין עבודה פון הרבצת התורה והחזקת היהדות והפצתם אין מדינה ההיא, וואָס די עבודה בימים ההם האָט געפאָדערט מסירת נפש בפועל.

און נאָכמער: ווי גערעדט כמה פעמים[11], איז דאָס געווען ניט סתם אַ מסירת נפש, נאָר אַ מסירת נפש בלי הגבלות און חשבונות. ווען מ'וואָלט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ חשבון צי עס זיינען דאָ אויסזיכטן על פי טבע צו מצליח זיין אין דער עבודה (וכיו"ב), וואָלט ניט געווען קיין אָרט צו אַנגיין מיט דער אַרבעט, ועאכו"כ ניט צו מוסר נפש זיין זיך אויף דעם (ומכ"ש וק"ו[12] — ניט צו איינשטעלן די לעבנס פון תלמידיו ושלוחיו צוליב דער עבודה).

און דעם אופן פון מסירת נפש אָן קיינע חשבונות האָט מען געזען בגלוי ביים רבי'ן אין זיין איבנדערמאַנטער הנהגה בכלל, ובפרט בקשר צו זיין גאולה בג' תמוז, ביז אַז דער עצם „תאריך" פון ג' תמוז (בשייכות צו דער גאולה) דערמאַנט אויף זיין מסירת נפש, כדלקמן.

— ויש לומר, אַז דאָס וואָס די גאולה פון ג' תמוז איז געווען פאַרבונדן מיט דער דרגא פון מסירת נפש — אָן קיינע הגבלות פון „חשבון" — איז ווייל אין דער התחלה פון דער גאולה האָט זיך געדאַרפט אויסדריקן דער תוכן כללי פון דעם מאסר וגאולה.

ד. דער רבי, בעל הגאולה והשמחה, האָט דערציילט[13], אַז דאַנערשטיק ר"ח תמוז פאַר מיטאָג האָט מען אים אָנגעזאָגט די ידיעה אַז מ'לאָזט אים אַרויס פון בית האסורים און מ'פאַרשיקט אים אויף דריי יאָר גלות אין דער שטאָט קאָסטראָמאָ. דערביי האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז באַטאָג וועט מען אים באַפרייען פון תפיסה, מ'האָט אים דערלויבט צו פאַרברענגען זעקס שעה מיט זיינע בני בית און אים אָנגעזאָגט אַז ביינאַכט וועט ער מוזן פאַרלאָזן די שטאָט און פאָרן קיין קאָסטראָמאָ.

אַזוי ווי דאָס איז געווען דאַנערשטיק, האָט דער רבי געפרעגט: ווען וועט ער אָנקומען אין קאָסטראָמאָ? האָט מען אים געענטפערט אַז ער וועט אַהין אָנקומען שבת. האָט דער רבי געזאָגט, אַז שבת וועט ער בשום אופן ניט פאָרן. און ערשט נאָך אַ ספּעציעלער השתדלות אין די קרייזן פון דער ממשלה האָט מען גע'פועל'ט אַז דער רבי זאָל קענען פאָרן

8) ראה שבת קה, רע"א: מנין ללשון נוטריקון מן התורה כו'. ובכ"מ.

9) עיין שער היחוד והאמונה פי"ב. ועוד.

10) כמו ענין „ראש השנה" שבו כלול החיות של כל השנה (לקו"ת ר"ה נג, ד. שם נח, א. עטרת ראש בתחלתו בארוכה. ועוד).

11) ראה בארוכה לקו"ש ח"ח ע' 302 ואילך. ועוד.

12) ראה לקו"ש שם ע' 304.

13) ראה ספר השיחות תש"א ע' 139. ס' התולדות שם ע' 212 ואילך. לקו"ש ח"ד ע' 1063.

זונטיק, ג׳ תמוז (און ביז דעמאלט איז ער געבליבן אין טורמע).

איינער פון די וואס האבן בפועל דורכגעפירט דעם ארעסט פון רבי״ן האט געזאגט דעם רבי״ן, אז אויב ער וועט ניט מסכים זיין צו פארן דאנערשטיק ביינאכט און אנקומען שבת אין קאסטראמא, וועט ער אים ניט ארויסלאזן פון טורמע. האט דער רבי אים געענטפערט, אז ער איז גרייט צו בלייבן אין טורמע וויפל עס זאל ניט זיין, אבער שבת וועט ער בשום אופן ניט פארן!

ה. אזא הנהגה, צו שטעלן זיך מיט אזא תוקף ניט צו פארן אום שבת, פאדערט הסברה:

דורך זיין אפזאגן זיך אויסצופאלגן דעם באפעל צו פארן גלייך אין קאסטראמא (ווען מ׳איז שוין געווען מוכן אים צו באפרייען פון טורמע) און בלייבן אין טורמע — האט דער רבי זיך ארייגעשטעלט גלייך אין א מצב פון ודאי סכנה:

מלכתחילה איז דאך אויף אים געווען א גזר דין פון היפך החיים ר״ל, נאר דורך השתדלות האט מען די גזירה מבטל געווען און עס פארביטן אויף דעם לייכטערן עונש פון (צען יאר, און דערנאך) דריי יאר אין גלות: און אויך נאכדעם, האבן די וועלכע האבן מלכתחילה ארויסגעגעבן דעם גזר דין הראשון הנ״ל זייער דיעה ניט געביטן, מ׳האט זיי געצוואונגען (פון די העכערע ממשלה־קרייזן) אז בלייבנדיג בתפקידם ובתקפם זאלן זיי אבער מבטל זיין דעם פרט (אורטייל) און באפרייען דעם רבי״ן פון טורמע — איז דאך מובן, אז באופן זה איז זיין בלייבן ברשותם אין טורמע געווען סכנת נפשות ממש: ובפרט אז דאס גופא, וואס דער רבי האט זיך אפגעזאגט צו פארן אום שבת, האט ביי זיי ארויסגערופן א כעס נוסף וגדול: א מרידה געגן זייער פקודה, מפרסם געווען אין זייער טורמע שמירת שבת ובפרסום הכי גדול (הפקידים והאסורים), ניט קענען דורכפירן זייער מזימה צו גורם זיין אז דער רבי זאל פארן שבת[14].

לאידך, וויבאלד די יציאה מבית האסורים האט געדארפט זיין דאנערשטיק בייטאג, איז דאך דער ענין פון חילול שבת געווען (א) ניט באותו זמן כלל, און (ב) בלויז בגדר ספק — וכמה ספקות. ווארום עס איז דאך נאך דער באפרייאונג ביום החמישי געווען נאך א גרעסערע מעגליכקייט פון השתדלות ובהנהגתו פון רבי״ן — אז ער זאל ניט דארפן ארויספארן גלייך ביינאכט: און אפילו אויב מ׳וואלט עס ניט געקענט באווייזן אין דער קורצער צייט, איז געבליבן א גאנצער מעת־לעת (פון נסיעה) ביז שבת, וואס במשך זמן זה איז געווען די מעגליכקייט להשתדלות גדולה אז ער זאל זיך אפשטעלן אין מיטן וועג ביז נאך שבת.

[און אפילו אויב ער וואלט געווען געצוואונגען בלייבן אין באן־וואגאן ביום השבת — איז ער דאך אן אנוס, און בלויז אין אן איסור דרבנן — איסור תחומין[15] (דער געפינען זיך אין א

14) ראה ס׳ התולדות שם.

15) ראה שו״ת חתם סופר ח״ו סי׳ צז (ובעוד אחרונים) דברכבת ליכא אלא משום איסור תחומין, וראה שו״ע אדה״ז סת״ד ס״ב „שנהגו כהאומרים שעכשיו אין לנו רשות הרבים גמורה״, ובמילא אין איסור תחומין של תורה, אלא דרבנן.

אבל אין לומר דכאן מותר, דכיון שהוא למעלה מיו״ד שהוא רק ספק, ובספק דרבנן מקילין (שו״ע אדה״ז סרמ״ח ס״ג. סת״ד ס״ג) — כי ברחב ד׳ יש תחומין גם למעלה מיו״ד (שו״ע אדה״ז סת״ד ס״א).





לזה גם סיפור חז״ל (סוכה לב סוף ע״ב) **מהדר** כו׳ הואיל דנפיק מפומיי — אף שבודאי בעל הפס״ד עצמו, רב כהנא, לא הידר שיהיי דוקא תרי וחד, אלא רק דנפק מפומיי, ולכן על תלמידו **להדר** לנהוג מתאים לדבריו, שבזה מתבלטת השייכות, וכש״כ בנדו״ד, ענין שבפועל. ועוד, הרואה — השינוי יעורר אותו לשאול הטעם ויקבל המענה, שזהו מנהג אבותינו נשיאינו כו׳, וכמרז״ל עד חברון. וכנ״ל עיקר הנקודה בהאמור הוא, להחזיר עתה המנהג לכמו שהיי הי״ז מחליש העמדה שצריך להשתדל להתנהג במנהגי ביהכ״נ של כ״ק מו״ח אדמו״ר.

בכבוד ובברכה לבשו״ט,

**מ. שניאורסאהן**

## ח׳ל

[תשי״ד]

. . . ובהנוגע להשאלה אם אפשר להיות יהודי דתי בלא זקן, הנה נוסח השאלה אינה מתאים למצב בנם שיי וכמדומה שכבר רמזתי על זה במכתבי הקודם. ובכל זה אבא בזה בקיצור עכ״פ עוד הפעם והוא:

כל אדם הוא קומה שלימה **חי.** ובפתרון כל שאלה צריכים להתחשב עם אדם חי זה שאינו אוטומטי, ובמילא לא תמיד פתרון כללי מתאים עליו.

ולבאר דברי יותר, בית בעל קומה אחת או שתי קומות — גם הוא בית הוא — ולכשיבנו עליו קומה שניי או שלישית — הרי זה הוספה על בית הקודם. אבל אם ירצו לאחר הבנין להרוס את הקומה הנוספת, מובן שההריסה תהרוס את כל הקומות ואפילו את היסוד, כיון שכבר נתאחדו כל הקומות ע״י מלט וכו׳, ועאכו״כ שאם ירצו להרוס את הקומה התחתונה שהריסה זה תהרוס את הקומות אשר על גביי.

ח׳ל

נדפסה בקונ׳ „צדי״ק למלך״ א ע׳ 86.

ממוצש״ק. ואחכה להמשך בשו״ט בהנוגע משרות הרבנות, וכתבתי בהנ״ל גם להרה״ח כוי׳ הרש״ד שי׳ זיסלין וכן גם לשי״ב הרה״ח כוי׳ הרע״ז שי׳ סלונים, כנראה מכתבו, הרי הרבנות בביהכ״נ החב״די בתל אביב, לא היתה אלא ענין פנימי בלבד . . . מובן שאין כוונתי לצעוק על העבר, כ״א בהנוגע לעתיד הקרוב, שכדאי להשתדל ביותר וביותר שיהי׳ להרבנות האמורה מעמד רשמי, באופן שמאפשר גם השפעה מחוץ לגבול ביהכ״נ, כנ״ל. ומפרט לפרט באותו ענין, אתענין לדעת חוו״ד כת״ר שי׳ בהנוגע למועמד מתאים לרב בביהכ״נ חב״ד בתל אביב.

על סדר מכתבו במ״ש אודות כתיבת תש״כ, ורוצה להסתייע ממה שבאיזה לוחות נדפס כ״ף שבאמצע בכ״ף פשוטה, שמזה במכש״כ לסוף המלה.

לדעתי אין כאן לימוד באופן דק״ו וכש״כ, כיון שהביאור על כתיבת כ״ף פשוטה בתחלת ובאמצע ר״ת — א״א שיהי׳ מפני הענין דאותיות סופיות. ואולי נתכוין הכותב לשלול החילוף באות נו״ן כפופה, שהיתה דומה בכתיבתו לכ״ף כפופה וכיו״ב.

כן במ״ש שבאיזה מאמרי דא״ח ומכתבי כ״ק רבותינו נשיאינו, בהנוגע לשנת תק״כ, הי״ה בכ״ף פשוטה לבסוף, — כמדומה העירותי ע״ז במכתבי לשאלה מירושלים עיה״ק בזה (אשר העתקתו נשלח לכת״ר), שאין להביא ראי׳ ממקרים בודדים, ובפרט שרגיל בבנ״י ענין המליצה והרמז, וכו׳ [לדוגמא — ידוע „המשך תקעו תר״ן״, שבכ״מ מובא בנו״ן פשוטה. ובכמה כתבים ומכתבים נזכרים מאמרים משנה ההיא בשם „שנת רנת״]. והרי הנדון הוא בכתיבה רגילה מדי יום ביומו, שלדעתי סרו בזה הראיות שכותב במכתבו . . .

במ״ש אודות מנהגי הגבה וכו׳ — כנראה ממכתבו כבר הנהיגו זה בביהכ״נ איזה פעמים, ובטענה שכן נוהגים בביהכ״נ בו התפלל כ״ק מו״ח אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע,

— והנה אף שלכתחלה אולי צדקו טעמי כת״ר לשלילת שינוי המנהג, ובפרט שכן נהגו זקני אנ״ש בדורות שקדמו בבואם לאה״ק ת״ו. אבל הבעיא עתה — האם יש לנגוע בנקודת ההתקשרות של מי שהוא לרבותינו נשיאינו, אפילו באם מתבטא היא ביותר על המדה. ויש לקשר

בהנוגע משרות הרבנות: ראה לעיל אגרת דרסה.

כתיבת תש״כ: ראה לעיל אגרת ז׳קצ, ובהנסמן בהערות שם.





(פארנדיקן) באן איז ניט אן עשיית מלאכה)].

איז דאך לכאורה תמוה ביותר: פאר־וואס האט זיך דער רבי געשטעלט מיט א תוקף קעגן דעם פארן און זיך אריינ־געשטעלט תיכף אין א מצב פון סכנה — לכאורה האט ער די ערשטע זאך גע־דארפט גלייך ארויסגיין פון (דער סכנה — ) בית האסורים, און דערנאך זוכן עצות ווי ער זאל ניט דארפן פארן שבת?

ו. אזא מסירת נפש הנהגה האט מען געזען ביים רבי'ן אין דעם גאנצן צו־גאנג צו דער עבודה פון הרבצת התורה וחיזוק היהדות במדינה ההיא.

ווי גערעדט כמה פעמים[16], האט דעם רבי'נס מסנ"פ ארומגענומען (ניט בלויז ענינים אויף וועלכע מ'איז מחויב זיך מוסר נפש זיין, נאר) אויך ענינים וועל־כע זיינען בגדר פון „הרשות בידו". נאך מער: ווי גערעדט אמאל בארוכה[17], איז זיין מסירת נפש געווען אויך אויף אזעל־כע ענינים וואס כמה גדולי וחכמי ישראל האבן געהאלטן אז מען דארף זיך אויף זיי ניט מוסר נפש זיין.

איז ווען עס רעדט זיך וועגן כללות העבודה פון רבי'ן במדינה ההיא, קען מען נאך פארשטיין פארוואס זיין הנהגה איז געווען באופן כזה. ווייל זעענדיק אז דער מצב פון אידן במדינה ההיא איז אזא, אז דער עצם קיום פון אידן און אידישקייט איז געשטאנען אין גרויס סכנה — שלא יכבה נר ישראל ח"ו, און וויסנדיק זיין שליחות אלס נשיא ישראל וואס דארף זארגן פארן קיום פון עם ישראל, האט דער רבי אין זיין מסירת נפש פאר אידן זיך ניט גערעכנט מיט קיינע חשבונות און קיינע הגבלות.

בנדו"ד אבער, וויבאלד אז דא איז דער מדובר ניט וועגן אן ענין וואס רירט אן עכ"פ „טובת" רבים וציבור, נאר וועגן א שאלה (לכאורה) בנוגע זיין הנהגה באופן פרטי — צי ער זאל פארן דעמאלט אין קאסטראמא אדער ניט — פארוואס האט דער רבי אויך אין דעם פאל זיך אריינגעשטעלט אין אזא מסירת נפש?

שלכן הולך בקרון אע"פ שגבוה י"ט יש בו משום תחומין (שו"ע אדה"ז סרס"ו ס"ז). וראה גם שו"ת חת"ס שם, שו"ת שואל ומשיב חמישאה ס"ג ועוד (כמה מהם נסמנו בכף החיים סת"ד אות ה).

אבל להעיר משו"ת חת"ס שם סצ"ח שמחלק בין קרון ע"י בהמות, שרק בזה אמרינן כארעא סמיכתא משום שא"א שתלך י"ב מיל כו' בלי שתעמוד — וקרון שהקיטור מוליכו שאין אומרים בזה (כשאינו עומד*) כארעא סמיכתא, והאיסור ברכבת הוא רק משום ספיקא [אי משום כל תיקו דאיסורא (בנדו"ד, אי יש תחומין למעלה מי"ד) לחומרא אפי' בדרבנן, או מפני שלהרמב"ם חוץ לי"ב מיל דאורייתא וספיקא לחומרא]. ולסברא זו, מכיון שאדה"ז פסק (כנ"ל) אשר (א) בזמן הזה שאין רה"ר גמורה אין תחומין של תורה, (ב) למעלה מי"ד בספק דרבנן מקילין** — לכאורה מותר להפליג לפני השבת (ראה סרמ"ח שם). ולהלכה כבר אסרו באחרונים בפשטות הנסיעה ברכבת הברזל וכיו"ב בשבת (כנ"ל). ואכ"מ.

*) וצריך בירור בנדו"ד (נסיעת כ"ק מו"ח אדמו"ר לקאסטראמא) — האם היתה הרכבת עומדת באמצע הדרך (בשבת).

**) ולהעיר משו"ע אדה"ז סרמ"ח בקו"א סק"ג דאף גבי קרון אף למ"ד י"ב מיל דאורייתא אין איסור דאורייתא דלכ"ע לא שייך תחומין כשהספינה הולכת. ע"ש. וכבר העיר בס' זכרון יוסף (ברדיוב, תרפ"ט) אות ר"א שלכאורה זה סותר פסק אדה"ז בס"י רסו שם דבקרון יותר מי"ב מיל (להאומרים שהוא מה"ת) יש תחומין מה"ת. ואכ"מ.

16) ראה הנסמן בהערה 11.

17) לקו"ש ח"ח ע' 321. וראה שם שי"ל שמסנ"פ דכ"ק מו"ח אדמו"ר אז היתה כעין קנאות דפינחס, שמלכתחילה היתה „שלא ברצון חכמים . . אלולי (שראו שצדק מלכתחילה — ע"י) שקפצה עליו רוה"ק ואמרה והיתה לו גו'" (ירושלמי סנהדרין פ"ט ה"ז), שכמה חכמי וגדולי ישראל סברו שאין לו למסנ"פ כו'. עיי"ש.

ואדרבה: דורך דער הנהגה שטעלט ער איין אין סכנה די גאַנצע עבודה שלו בהרבצת התורה וחיזוק היהדות!

ז. וי"ל די הסברה בזה:

נקודת ענין זה — האָט זיך דאָ ניט געהאַנדלט צי מ'זאָל זיך יע אָדער ניט מוסר נפש זיין צוליב שבת, נאָר דאָ איז געשטאַנען די שאלה פון קידוש השם אָדער חילול השם:

די מטרה פון די וואָס האָבן אַרעס־טירט דעם רבי'ן איז געווען כדי צו צעשטערן די אַרבעט פון רבי'ן בהחזקת היהדות. אילו יצוייר אַז דער רבי וואָלט ניט גלייך קעגנגעשטעלט זיך די פקודה צו פאָרן באַלד נאָך זיין באַפרייאונג, כרצונם (אַז דער רבי זאָל פאָרן שבת) — וואָלט דאָס פאַר זיי געווען אַ נצחון: דער רבי האָט „מסכים" געווען צו פאָרן בשבת.

די אַלע הערער פון דער הסכמה — וואָלטן דאָך ניט געוואוסט די אַלע חשבונות האמורים לעיל (אַז מען איז זיך משתדל בחשאי און מען איז זיכער צו פועל זיין אַז דער רבי זאָל ניט דאַרפן פאָרן שבת כו') —

[און ווי גערעדט כמה פעמים, אַז בשעת עס רעדט זיך וועגן קידוש השם און חילול השם, איז ניט נוגע צי די זאַך וועגן וועלכער עס רעדט זיך איז פאַר־בונדן מיט אַן איסור הכי חמור אָדער אַן איסור הכי קל — מען רעכנט זיך נאָר מיט דעם צי די מענטשן אַרום זיינען עלול צו אויסטייטשן דאָס אַלס אַן ענין הפכי[18]].

ח. און דאָס איז אויך די שייכות פון ג' תמוז צו פ' חוקת:

אין פ' חוקת[19] ווערט דערציילט וועגן דעם חטא פון „מי מריבה" וואָס צוליב דעם זיינען משה ואהרן נענש געוואָרן אַז „לא תביאו את הקהל הזה אל הארץ גו'"[20].

איז לכאורה ניט פאַרשטאַנדיק[21]: מיט וואָס איז דער חטא געווען אַזוי האַרב, אַז צוליב דעם זאָל משה ניט אַריינגיין אין א"י? — ובפרט אַז די תורה דער־ציילט וועגן נאָך ענינים ביי משה'ן וואָס משה איז צוליב זיי נענש געוואָרן — און פונדעסטוועגן איז ער פאַר זיי ניט נענש געוואָרן מיט אַזאַ האַרבן עונש. און דוקא דער חטא — דער שינוי צו שלאָגן דעם סלע אַנשטאָט ריידן צו אים — האָט געבראַכט די גזירה חמורה אַז ער זאָל ניט אַריין אין א"י?!

נאָר דער טעם דערויף ווערט אָנגעדייט אין פסוק[20] „יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בנ"י", און ווי רש"י איז דאָס מבאר, אַז דערפאַר איז דער חטא מער חמור ווי די טענה פון משה רבינו צום אויבערשטן „הצאן ובקר ישחט להם"[22] — ווייל דאָרט „לפי שבסתר חסך עליו הכתוב, וכאן שבמעמד כל ישראל לא חסך עליו הכתוב מפני קידוש השם".

— ד.ה. אַז ווען עס רעדט זיך וועגן אַן ענין פון קידוש השם אָדער הפכו, איז נוגע בלויז ווי אַזוי דאָס ווערט אויסגע־טייטשט דורך אַנדערע.

ט. א טיפערער ענין י"ל אין דעם:

18) ראה רמב"ם הל' יסודי התורה פ"ה הי"א (אבל לא נאמר שיש למסור נפשו על הענינים שהובאו שם).

19) כ, ז ואילך.

20) שם, יב.

21) וכבר האריכו במפרשי התורה בזה.

22) בהעלותך יא, כב.





והחילוקים: השפיעו בפנימיות ובמקיף, בתורה עבודה וגמ"ח, ברוחניות ובגשמיות. ובמילא היתה התקשרותם עם השייכים אליהם בכל תרי"ג אברי נפש וגוף המקושרים.

ועל כל אחד ואחת מאתנו כולנו לדעת, היינו להעמיק דעתו ולתקוע מחשבתו בזה, אשר הוא הוא הנשיא והראש, ממנו ועל ידו הם כל ההשפעות בגשמיות וברוחניות, ועל ידי ההתקשרות אליו (וכבר הורה במכתביו איך ובמה מתקשרים) קשורים, ומיוחדים בשרש ושרש השרש עד למעלה מעלה כו'

**מנחם שניאורסאהן**

ג' תמוז, השי"ת,
ברוקלין, נ. י.

איך ובמה מתקשרים: ראה לעיל אגרת תקסא.

## ז'רפב

ב"ה, אדר"ח אייר, תשי"כ
ברוקלין.

הרה"ג הרה"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ צנמ"ס
מוהרש"י שי'

שלום וברכה!

לאחרי הפסק שלא הורגל כת"ר בזה עד עתה, נתקבל מכתבו

ז'רפב

נדפסה בלקו"ש ח"ט ע' 282 והושלמה ע"פ צילום האגרת.

מוהרש"י: זוין, ירושלים. אגרות נוספות אליו – לעיל ז'סו, ובהנסמן בהערות שם.

# אגרות קודש

## תרלה

ב״ה,

רבים המחפשים ומבארים מעלות וגדולת נשיאי חב״ד בכלל, ונשיא דורנו, הוא כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ, בפרט בעניינים שונים: איש המסירות־נפש, גאון, בעל מדות, צדיק, בעל רוח הקודש, מלומד בנסים ועוד ועוד.

וגדלו ביותר שבחים אלו, על פי ההגדרה בתורת החסידות, מהו מסירות נפש, מהו גאון וכו׳.[1]

ובכל זה – העיקר חסר כאן. ונוסף על זה, שהוא עיקר בעצם, חשוב הוא ביחוד משום שנוגע ביותר, וביחוד לנו, קהל חסידיו ומקושריו. וזהו – מה שהוא הוא הנשיא, ונשיא חב״ד.

כי – נשיא בכלל, נקרא ראשי אלפי ישראל, הוא בחינת ראש ומוח לגביהם, וממנו היא יניקה וחיות שלהם. ועל ידי הדביקה בו קשורים ומיוחדים הם בשרשם למעלה מעלה.

והנה כמה סוגים בנשיאים[2]: אלו אשר השפעתם בבחינת פנימיות, ואלו אשר השפעתם בבחינת מקיף. ובזה גופא חילוקים: אם השפיעו בתורת הנגלה או הנסתר או בשניהם יחדיו, לימדו דרכי העבודה והחסידות, המשיכו השפעות גשמיות וכו׳ וכו׳.

וישנם כאלו, שהי׳ בהם כמה מבחינות הנ״ל, או גם כולם[3].

וזה הי׳ מאז ועד עתה ענין הנהגת נשיאי חב״ד, מן כ״ק אדמו״ר הזקן ועד כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ ועד בכלל, אשר כללו כל הסוגים

1) ראה תניא פ״ב.
2) באריכות: תורה אור פ׳ מקץ ד״ה ת״ר מצות נ״ח. סהמ״צ להצ״צ מצות נ״ח פ״ג. ד״ה למען דעת, תרס״ט.
3) ראה בתו״א שם ספ״ז דבמשיח יש ב׳ הבחי׳, דרועים ונסיכים. – ובש״ס (סוכה נב, ב) נחשב בנסיכים, י״ל מפני שזהו העיקר בו.

**תרלה**

נדפסה בסה״מ תשי״ ע׳ 254. לקו״ש ח״א ע׳ 209.
מעלות . . בענינים שונים: ראה לקמן אגרת תרלז.





דער אופן ההנהגה הנ״ל פון רבי׳ן — וואס ער האט זיך קעגנגעשטעלט די פקודה פון די וועלכע האבן אים ארעס־טירט — איז געווען ניט נאר ווען עס האט אנגערירט (בגלוי) א זאך פון אידישקייט, נאר ווי דער רבי האט דער־ציילט[23], אז ער האט ביי זיך געמאכט א פעסטן באשלוס, אז ער זאל כלל ניט נתפעל ווערן פאר זיי. ניט נאר ער זאל זיך ניט רעכענען מיט זיי אין זאכן וואס זיינען נוגע (בגלוי) צו יראת שמים.

און צוליב דער הנהגה האט מען דעם רבי׳ן באשטראפט מיט יסורי הגוף ר״ל, אים געשלאגן וכו׳.

— אין אזא הנהגה איז דאך ניט שייך די חשבונות הנ״ל פון קידוש השם אדער אז עס וועט אנרירן די ארבעט פון הרבצת התורה כו׳ — איז וואס איז דער טעם פון דעם אופן ההנהגה פון רבי׳ן?

— איז אויך דער ביאור אין דער הנהגה נרמז אין פרשת חוקת, גלייך אין שם הסדרה: „חוקת״:

יו״ד. דער אלטער רבי איז מבאר[24] אז „חוקה״ איז מלשון חקיקה (איינ־קריצן).

דער יתרון פון חקיקה לגבי כתיבה:

ביי כתיבה זיינען די אותיות א צוגע־געבענע זאך צום קלף, אויף וועלכן זיי זיינען געשריבן. דורך דער כתיבה ווערן טאקע די אותיות פאראייניקט מיטן קלף, דאס איז אבער באופן ווי צוויי זאכן וואס ווערן פאראייניקט. און דעריבער, קען אין דעם זיין א שינוי ביז ביטול — מען קען אפטיילן (אפמעקן) די אותיות פון דעם קלף.

משא״כ ביי חקיקה, זיינען די אותיות ניט קיין באזונדער מציאות פון דער זאך אין וועלכע זיי זיינען אויסגעקריצט, נאר זיי זיינען מיני׳ ובי׳, זיי זיינען א טייל פון דער מציאות פון דעם אבן (טוב) אין וועלכן זיי זיינען אויס־געקריצט. און דערפאר איז אוממעג־לעך אפצוטיילן די אותיות פון דעם אבן — דער אנרירן די אותיות — איז אנ־רירן דעם אבן (טוב).

די זעלבע זאך איז ברוחניות: ווען עבודת השם איז בלויז ווי א צוגע־געבענע זאך צו דער מציאות האדם, איז מעגלעך אז אין דעם זאלן זיין שינויים. עס קען זיין א מצב אז מ׳זאל ניט מקיים זיין אן ענין פון עבודת ה׳ (מאיזו סיבה שתהי׳, כולל אויך — אז מ׳איז אן אנוס), און זיין מציאות זאל דערביי ניט ווערן „אנגערירט״.

בשעת אבער עבודת השם ווערט איינגעקריצט אין זיין מציאות — עבודת השם ווערט א טייל פון אים אליין — דעמאלט איז ניט שייך צו פאנאנדער־טיילן אים פון עבודת השם. צונעמען פון אים אן ענין פון עבודת השם מיינט צונעמען (צעשטערן) זיין מציאות (ע״ד איינער וואס וויל צעשטערן די צורת האותיות פון אבן טוב, דארף זיין שבירת האבן טוב[25]).

און דערפאר בא א אידן וואס עבודת השם איז ביי אים חקוק בנפשו, איז ער זיך מוסר נפש אויף כל פרט ופרט פון אידישקייט, אן חשבונות[26], ווייל ס׳איז

23) ראה תחילת הסיפור — במקומות שנסמנו בהערה 13.
24) לקו״ת פרשתנו (נו, א). וראה שם בחוקותי מה, א ואילך.
25) ושאני שבירת הלוחות דאירע בזה נס ד„לוחות נשברו ואותיות פורחות״ (פסחים פז, סע״ב. חדא״ג מהרש״א שם) — אף שהיו אותיות החקיקה. ואכ״מ.
26) ווהי ג״כ השייכות לתיבת „חוקת״ כפי פירושה הפשוט, חוקה שלמעלה מטעם. וראה בארוכה בכ״ז לקו״ש ח״ח ע׳ 300 ואילך.

אוממעגלעך פֿאַנאַנדערטיילן צווישן אים און וועלכן ענין עס זאָל זיין פון עבודת השם.

יא. עד"ז איז געווען די הנהגה פון רבי"ן:

וויבאַלד אַז ענינים פון תורה ומצות זיינען ביי אים געווען באופן של חקיקה[27], איז דעריבער זיין מסירת נפש ניט געווען פאַרבונדן מיט קיינע חשבונות[27] (צי אין דעם פאַל ההלכה אַז מען דאַרף זיך מוסר נפש זיין, אָדער צי עס לוינט זיך כו', וכיו"ב),

ביי אים איז דאָס ניט געווען אַן ענין פון מסירת נפש צוליב אַן אַנדער זאַך (שחוץ הימנו), ביי וועלכער עס איז שייך אַ חשבון צי מ'זאָל זיך מוסר נפש זיין — נאָר דאָס איז געקומען כאילו ווי בדרך ממילא: וויבאַלד אַז עבודת השם איז געווען אַ טייל פון זיין מציאות גופא, ביז אַז עס איז אוממעגלעך צו פֿאַנאַנדערטיילן צווישן זיי, איז בדרך ממילא ביי אים געווען אַלע ענינים פון עבודת ה' ביז צו מסירת נפש.

ומהאי טעמא איז זיין מסנ"פ געווען ניט נאָר אויף זאַכן וואָס האָבן בגלוי אַנגערירט זיין עבודה, נאָר ער האָט זיך מוסר נפש געווען אויף ניט „נכנע" ווערן (פאַר די וועלכע האָבן אים אַרעסטירט) באיזה אופן שהוא:

זיין ניט רעכענען זיך מיט זיי איז ניט נאָר געווען אַן ענין פון חשבון כו', נאָר ער האָט בעצם ניט געקענט נכנע ווערן באיזה אופן שהוא — פאַר אַזעלכע וואָס שטערן די אַרבעט פון הרבצת התורה כו', וויבאַלד אַז די עבודה איז ביי אים אין אַן אופן פון „חוקת", חקיקה מיני' וביה'.

(משיחות ש"פ חוקת תשמ"א, תשמ"ג
לקו"ש חכ"ח ע' 124)

27) להעיר מלקו"ת פרשתנו שם (נז, רע"ג): משה . . ונחנו מה ח"ע . . אותיות החקיקה.

# בשורת הגאולה

## כט.

דערביי קען נאָך זיין די שאלה — ווי אַנדערע פרעגן: אפילו בשעת איך אַליין טו מיין עבודה בשלימות, ביז אַז איך דערגרייך צו אַ דרגא וואָס מיין מציאות איז „יפוצו" (תכלית הביטול) — וואָס העלפט עס, ווען „אתם המעט מכל העמים"[1], און אין דער וועלט

1) ואתחנן ז, ז.





אַרום זיינען פֿאַראַן שבעים אומות וועלכע זיינען אַ ריבוי עצום בכמות בערך צו דער כבשה אחת[2].

ובסגנון אחר: וואָס וועט די וועלט און וואָס וועלן די אומות זאָגן אויף דעם וואָס אַ איד טוט זיין עבודה פון „יפוצו מעינותיך חוצה", ובמיוחד — אין ממהר זיין די גאולה האמיתית והשלימה, זיי פֿאַרשטייען דאָך ניט וואָס דאָס מיינט?! ס'איז טאַקע גאָר אַ גרויסע און הויכע עבודה — אָבער מ'דאַרף זיך דאָך לכאורה רעכענען — טענה'ט ער — מיט דער וועלט!

איז דער ענטפער אויף דעם: די וועלט איז שוין צוגעגרייט, פֿאַרטיק! בשעת אַ איד וועט טאָן זיין עבודה כדבעי — באופן שלמעלה ממדידה והגבלה, וביחד עם זה ווי דאָס איז אָנגעטאָן אין די כלים פון לבושי הטבע — וועט ער זען ווי דער עולם, טבע העולם און אומות העולם זיינען אים מסייע אין זיין עבודה.

. . . עאכו"כ איצטער, ווען מ'האָט ניט כו"כ פון די אַלע מניעות ועיכובים [וכאמור לעיל, אַז אויך אין מדינה ההיא זיינען געוואָרן שינויים גדולים לטוב], ואדרבה — אין דער וועלט אַליין זעט מען די נסים ונפלאות וואָס קומען פאָר בפרט אין די לעצטע יאָרן [שנת נסים, און שנת אראנו נפלאות] — איז שוין הגיע הזמן, אַז הגם וואָס עס דאַרף זיין אַן ענין שלמעלה ממדידה והגבלה — נסים ונפלאות, ביז די נסים ונפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה — נעמט עס דורך אויך טבע העולם, אַז די וועלט אַליין איז מסייע צו צמיחת הגאולה.

(משיחות יום ה' פ' קרח, בדר"ח תמוז וש"פ קרח, ג' תמוז תנש"א)

2) תנחומא תולדות ה. אסת"ר פ"י, יא. פסי"ר פ"ט, ב.